בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרְן שַׁבָּת טִישׁ

## אַ מְחַיֶ׳ פֵּאוֹת!

גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

מעשה 12

אַז דִי זָאל וֶוערְן גֶעזוּנְט אוּן זִי אִיז טַאקֶע גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן.

נָאכְדֶעם אִיז רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קְרַאנְק גֶעוָוארְן מִיט דִי מַחְלָה חוֹלִירַע; עֶר הָאט גֶעדַארְפְט לִיגְן אִין אַ לֵיידִיגֶע צִימֶער, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט דָארְט אַרַיינְגֵיין; עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן מִיט זַיין וַוייבּ דוּרְךְ אַ קְלֵיינֶע פֶענְסְטֶער. זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: ״יִשְׂרָאֵל, וָואס מַאכְסְטוּ? יִשְׂרָאֵל וִוי אַזוֹי שְׁפִּירְסְטוּ זִיךְ?״ הָאט עֶר אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן שְׁטַארְבְּן, אִיךְ הָאבּ אַ בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, אִיךְ דַאנְק גָאט אַז מַיין נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיס פוּן מִיר מִיט מַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת״.

אַזוֹי הָאט דֶער צַדִיק צוּרִיקְגֶעגֶעבְּן זַיין נְשָׁמָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען הָאט אִים בַּאעֶרְדִיגְט אִין דִי שְׁטָאט טְבֶרְיָ׳.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט בָּארְד אוּן פֵּאוֹת; מִיר דַארְפְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז מִיר הָאבְּן פֵּאוֹת, אוּן וֶוען מִיר וֶועלְן וֶוערְן עֶלְטֶער וֶועלְן מִיר אוֹיךְ הָאבְּן אַ הֵיילִיגֶע בָּארְד; מִיר וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּשְׁנַיידְן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת אוּן דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד.

צו הערן די מעשה דערציילט דורך דער ראש
ישיבה שליט״א אין ׳קול ברסלב׳
טלפון: 079-70-400-66 שלוחה - 1.5.2.1

## אַ מְחַיֶּ' פֵּאוֹת!

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי וָואךְ וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן פוּנֶעם גְרוֹיסֶע צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הֵיילְפְּרִין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; מִיר רוּפְן אִים רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער וַוייל עֶר שְׁטַאמְט פוּן אַ שְׁטָאט קַארְדוּן, אַ שְׁטֶעטְל אִין פוֹילְן.

דֶער רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן דָארְט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט זַיין וַוייבּ גִיטְל עָלֶיהָ הַשָׁלוֹם. עֶר הָאט גֶעווֹאוֹינְט אִין דִי שְׁטָאט טְבֶרְיָ', דָארְט הָאט עֶר גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר פְלֶעגְט גֵיין קַיין מִירוֹן, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אִין דִי מְעָרָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי טָאג אוּן נַאכְט, דָארְט הָאט עֶר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אוּן גֶעלֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים.



לֵיידֶער אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, דֶעמָאלְט הָאט אוֹיסְגֶע בְּרָאכְן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַגֵיפָה, כָאלֶערֶע; זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן דֶעמָאלְט. זַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער מָרְדְכַי אוּן אֶסְתֵּר זֶענֶען קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ גֶעשְׁטָארְבְּן, אוֹיךְ זַיין וַוייבּ גִיטְל אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן, עֶר הָאט אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן